№ 8 (דריטער יאָרגאַנג) פרייז 10 גראָשן

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.
BIALER WOCHENBLAT

# ביאַלער וואָכנבלאַט

**ה' איטשע מאיר גרינבלאַט!**
מאַנופאַקטור-קרעמער, יאַנאָווער 2 №
איך פאָדער אייך אויף נישט צו מישן זיך אין אונזערע פאַמיליען-אַנגע-לעגנהייטן און נישט צו ברענגען קיין אומגליקן אויף אונזערע שטוב. **ש. ל.**

**ה' אַברהם לובעלטשיק!**
צו איז אמת, אַז ווען ה' סט. האָט אייך פאַרגעלעגט אַז קויפן ביי אים בי-לעטן אויפן „הורם"-אָוונט, האָט איר אָנגעטאָט דעם קבוץ צו שטיצן, מכבד גע-ווען דעם ה' טט. מיט דעם טיטל „טאַרכאַטער ייד" „פאַרשיווע יידן זענט איר". צו איז עס אמת?

**Konto rozrach. № 1.**
**Skrz. poczt. 26.**

Biała-Podlaska, dnia 21 luty 1936 r.

ביאַלע-פּאָדל., פרייטאָג פ' משפטים תרצ"ו, 21 פעברואַר.

**Do Społeczeństwa!**

**Ponieważ nieuczciwi ludzie rozpowszechnili w czasie mego pobytu w Szwajcarji w celach kuracyjnych złośliwe pogłoski, które miały na celu szkodzić mi moralnie i materjalnie, przeto uprzejmie proszę o podanie mi nazwisk tych oszczerców, abym ich mógł ścigać sądownie.**

**Z poważaniem:**
**Lek.-Dent. J. ZYLBERBERG.**

**צו דער עפנטלעכקייט!**

אַזוי ווי געוויסנלאָזע פערזאָנען האָבן אין דער צייט פון מיין אָפּוועזנהייט, אין צוזאַמענהאַנג מיט מיין ווײַלן אין דער שווייץ פאַר קוראַציע צוועקן, פאַרשפרייט וועגן מיר בייזוויליקע קלאַנגען, וועלכע האָבן געהאַט דעם ציל מיר צו שעדיקן מאָראַליש ווי אויך מאַטעריעל. בעט איך זעער מיר צו מעלדן די נעמען פון די פאַרלוימדער, כדי איך זאָל זיי קאָנען געריכטלעך פאַרפאָלגן.

מיט אַכטונג
**י. זילבערבערג.**

**רוויועלע ליוועראַנט!**
צו אייער צוזאַמענלעבן מיט ה' **מענדל שנור** — ווינטשן מיר אייך פיל צו-פרידנקייט און אַ גליקלעכע צוקונפט.
רחל און נחום וואָרעק.

**משה ווינדערבוים!**
צו דיינע תנאים מיט פרל' **רחל דעגענשיין** (פון מעזריטש) ווינטש איך דיר פיל גליק. די עלטערן פיל נחת.
מאיר באָלקאָווסטיין.

**Lek.-Dent. J. ZYLBERBERG**

**Powrócił**

i przyjmuje od 9 — 2 i od 4 — 7 wiecz.

די אַלעמען גוט = באַקאַנטע ערשט = קלאַסיקע כעמישע
פראַלניע און פאַרביאַרניע
**„בליסקאָוויצאַ"**
מאַכט באַקאַנט אַלע אירע קונדן פון ביאַלע און אומגעגנט, אַז פון 14-טן ליטי ווערט די פיליע איבערגעטראָגן פון פל. וואָלנאָשטשי 22 אויף **גראַבאָנאָווער 2** ראָג פל. וואָלנאָשטשי.
צוליב דער באַקוועמלעכקייט פאַר דער געהערטער קונדשאַפט, וועלן די קונדן ווערן באַדינט אָן איבעררייס טעגלעך פון **8** פרי ביז **9** אָוו.
גלייכצייטיק מעלדן מיר, אַז מיר נעמען אָן אַלערליי **פוטער** ווי: פוקסן, ווידרעס, טכוירן, קעץ, זאַיאַנצעס, קראָליקעס, ציגלאַקעס, זשרעבאַקעס א. א. וו. צום **גאָויבן** און **פאַרבן** אויף **לייפציקער סיסטעם** צו **נידעריקע פרייזן.**
„בליסקאָוויצאַ"
גראַבאָנאָווער 2

**„TANI - SKLEP", Pierackiego 13.**
מאַכט באַקאַנט, דאָס די פאַבריק **„זשיראַרדאָוו"** האָט אייננגעאָרדנט
**א „ווייסע וואָך"**
סווערן פאַרקויפט פאַרשידענע ווייסוואַרג אַרטיקלען צו
**ספּעציעל בּיליקע פרייזן**
אַלע דאַרפן אויסנוצן דאָס געלעגנהייט און זיך פאַרזעען מיט **ביליקע „זשיראַרדאָווער"-סחורות ווי:**
אַלעראַרט לייוונטן, סערוועטן, לײַלעכער טשיכאָלן א.א.וו.
**געדענקט!** אַז זשיראַרדאָווער סחורות זענען די בעסטע און מען באַקומט זיי נאָר אויף **בריסקער 13 №**
**איילט אייך דערפון צו געניסן!!!**

**Kino Dźwiękowe „Tęcza"**

דעמאָנסטרירט ביז זונטאָג דעם 24 ה. ח. דעם נייעסטן פּויליש פילם מיט ט. מאַנקעוויטש און אַל. זשאַבטשינסקי אין די הויפּט-ראָלן א. נ.

**Manewry Miłosne**

**Każdemu Wolno Kochać** פון מאָנטאָג דעם 24 פעברואַר

**רחל זילבערשטיין — ברוך מאַנקיער**
ביאַלע — בריסק
**חתונה-געהאַט**
ביאַלע, פעברואַר 1936.

לנשואי בתי, אחותנו ובת אחי מרת **רחל** עם ב"ג מר **ברוך** הננו מברכים אותם בברכת מזל-טוב יהא רצוא שמזלכם יאיר כשמש בצהרים
דוד, אַברהם, שיפקה זילבערשטיין
רחל זילבערשטיין (מעזריטש).

אַ הערצלעכן מזל-טוב, אַ גליקלעך צופרידן צוזאַמענלעבן אונזער שוועסטער, שוואָגער און שוועגערין
**רחל און ברוך**
צו זייער חתונה ווינטשט
חוה, ניסן און ליפּע ראָושאַנסקי (באַראַנאָוויטש)

**רחל און ברוך!**
צו אייער חתונה — אונזערע בעסטע גליקוואונטשן. די עלטערן — פיל נחת
פאַמיליעס:
ליבמאַן (לאָשיץ-מאָנטרעאַל)
רחל און יחיאל ליבמאַן — לאָשיץ
חיה און נח האַנדלסמאַן — לאָשיץ

צו דער התונה פון אונזער ליבער קוזינע און פריינד
**רחל זילבערשטיין** מיט ה' **ברוך מאַנקיער**
ווינטשט זיי אַ גליקלעך און צופרידן צוזאַמענלעבן. די עלטערן — פיל נחת
גיטל, שרה און חיים מיאָדעק (תל-אביב-ביאַלע)

**רחל!**
צו אייער חתונה — מיינע האַרציקסטע ברכות. די עלטערן — פיל נחת
ישראל רובינשטיין

**רחל!**
צו דער חתונה — אונזערע בעסטע ווונטשן
לייבל מיגדאַל און פרוי.

צו דער חתונה פון אונזער ליבער קוזינקע רחל זילבערשטיין מיט ה' ברוך מאַנקיער — ווינטשן מיר זיי מזל טוב. די פאַמיליע — פיל נחת
אַברהם אָרלאַנסקי און פרוי.

אינזער פריינדין רחל זילבערשטיין צו איר חתונה מיט ה' ברוך מאַנקיער ווינטשן פיל גליק
שוועסטער יאַקובאָווסקי.

הננו מברכים בברכת מזל-טוב את ש"ב הר' דוד זילבערשטיין לרגלי נשואי בתו
**רחל** עם ב"ג **ברוך מאַנקיער**
יהא רצוא שהזוג יעלה יפה
אברהם קאַיכשטיין ומשפחתו

**מזל-טוב!**
צו דער התונה פון פרל' רחל זילבערשטיין מיט ה' ברוך מאַנקיער — ווינטשן מיר אַ גליקלעך צוזאַמענלעבן
פאַמיליע ריבאַק.

**רחל!**
צו דיין חתונה — אונזערע האַרציקסטע גליקוווּנטשן
שפרינצע, בינום אייזנשטיין
רחל הערלעך.

**מזל-טוב! מזל-טוב!**
אונזער קוזינקע רחלע צו איר התונה מיט ה' ברוך מאַנקיער — ווונטשן אייך אַ צופרידן צוזאַמענלעבן
פאַמיליעס:
ליבמאַן, קראַמאַזש (ביאַלע)
משה, יהודית גרינפעלד (ת"א).

דער פאַמיליע זילבערשטיין צו דער חתונה פון זייער טאָכטער רחל מיט ה' ברוך מאַנקיער — ווינטשט פיל גליק. די יינגע פאָר אַ גליקלעך צופרידן צוזאַמענלעבן
פאַמיליע פליכטנרייך.

**הו נפלה עטרת ראשינו!**
אין טיפן טרויער זענען מיר מודיע וועגן טויט פון אונזער הייסגעליבטן מאַן און פאָטער
**ר' יצחק דוד פרידמאַן נ"ע**
וועלכער איז נאָך שווערע ליידן אין עלטער פון 61 יאָר געשטאָרבן זונטאָג דעם 16 פעברואַר ה. י. אין ביאַלע. די טרויענדע:
**פרוי און קינדער.**

דעם טיפסטן מיטגעפיל דריקן מיר אויס דער פאַמיליע **פרידמאַן** צוליבן טויט פון זייער מאַן און פאָטער **ר' יצחק דוד נ"ע**
יאַכטשע און לייבל ליפיעץ.

אונזערע מיטגעפיל אויסדריקן דעם ה' **זלמן פרידמאַן** צום טויט פון זיין פאָטער **ר' יצחק דוד נ. ע.**
בערל איטשע איידלשטיין און פרוי

**גרייט זיך צום 10-טן יערלעכן מאַסקן-באַל פון „טאָז"**

